**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת עקב יב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת עקב, י״ב לחדש מנחם אב תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

## די מעשה מיט רבי הלל פאריטשער און די נייע שטיוול

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער די וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן ״והיה עקב תשמעון״. דאס ווארט ׳עקב׳ איז א לשון פון א פערשט, פון דעם פוס. עס איז געווען דער גרויסער צדיק רבי הלל פאריטשער, אויף וועמען דער הייליגער צמח צדק האט געזאגט אז דאס איז א נשמה וואס קומט אראפ נאר איינמאל אין הונדערט יאר.

מען דערציילט אזא מעשה: ער פלעגט אסאך ארומגיין אין די דערפער ארום און ארום כדי צו מאכן בעלי תשובה, אויפווארעמען אידישע קינדער, זאגן מוסר, אריינברענגען א ווארימקייט און זיי מקרב זיין צו הקדוש ברוך הוא. ער האט געהאט אלטע צוריסענע שיך, און מיט די שיך פלעגט ער גיין אין די קעלטן, אין די שנייען און אין די רעגנס. איז געווען א גרויסער עושר וואס האט אים געקויפט שטארקע לעדערנע שטיוול, ער זאל קענען גיין אויף די וועגן און שטעגן אן דעם וואס ער זאל פארקילט ווערן אדער נאס ווערן, וויבאלד דאס איז אים וויכטיג געווען סיי פאר זיינע כוחות און סיי פאר זיין געזונט. רבי הלל האט אים פאר דעם זייער באדאנקט.

א שטיק צייט שפעטער האט דער גרויסער עושר באמערקט אז רבי הלל גייט ווייטער מיט די אלטע צוריסענע שיך און ער טוט נישט אן די נייע שטיוול; זיי ליגן אין א זייט. ער האט אים געפרעגט: ״רבי, איך האב אייך דאך געגעבן שיינע, נייע און באקוועמע שטיוול, פארוואס נוצט איר זיי נישט? פארוואס גייט איר מיט די צוריסענע שיך?״

האט אים דער הייליגער צדיק רבי הלל פאריטשער געענטפערט מיט זיין קדושה וטהרה: ״זעט איר, יעדעס מאל ווען איך טו אן די טייערע און באקוועמע שטיוול, שפיר איך ווי מיין גוף פילט זיך זייער גוט און באקוועם. דער גוף האט א מורא׳דיגע הנאה פון די נייע שטיוול, און **עס הייבט זיך אן צושפרייטן אין מיר — אזוי זאגט רבי הלל פאריטשער — א סארט גשמיות׳דיגע תענוג פון די שיך. ער האט מורא געהאט אז די פשוט׳ע גשמיות׳דיגע הנאה וואס ער האט, וועט אוועקנעמען די איידלקייט פון זיין דאווענען און פון זיין לערנען. די פיס וואס א איד האט, דארף ער ניצן צו גיין דאווענען און טון חסד, אבער דאס דארף זיין מיט קדושה, מיט הכנעה און מיט ביטול, נישט מיט קיין תאוה פון שיינע לעדערנע שטיוול.״**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט גוט: רבי הלל פאריטשער האט געשפירט אז דורך אנטון די שיינע שטיוול ווערט זיין גוף מגושם, עס מאכט אים פשוט פארגראבט די פיס. ער קען שוין נישט דאווענען, לערנען און טון מצוות ומעשים טובים מיט די זעלבע איידלקייט ווי ווען ער איז געגאנגען מיט די אלטע צוריסענע שיך. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר קענט פרעגן צי מיר האלטן שוין ביי אזא מדרגה? מען דארף כאטש וועלן אנקומען צו אזא מדרגה.

## זיך אויסצואיידלען פון גשמיות דורך לעבן מיט פנים מאירות

אבער לאמיר אריינטראכטן אין דעם יסוד וואס רבי הלל פאריטשער לערנט אונז דא אויס. א יוד דארף וויסן אז יעדע מחשבה, יעדע דיבור און יעדע מעשה וואס ער טוט, דארף זיין מיט דער כוונה אונז אויסצואיידלען, אונז צו הייליגן און אונז צו לויטערן; צו ברענגען אונזערע אברים צו תורה, תפילה, מצוות, מעשים טובים און צו דביקות הבורא. יעדע זאך וואס שטערט אונז פון צוקומען צו די ריכטיגע תורה, עבודה, תיקון המידות, יראת שמים, חסידות, מצוות ומעשים טובים און דביקות הבורא, דארף מען זיך דערפון דערווייטערן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אסאך מאל האבן מיר נישט געוויסע גשמיות׳דיגע זאכן; עס פעלט אונז אויס דאס אדער דאס. וואס איז דא צו קרעכצן? די טראכסט אז דאס וואס עס פעלט דיר די גשמיות׳דיגע זאך איז פונקט וואס די דארפסט או עס איז פאר דיר א טובה. אפשר איז עס נאר א טובה למראית העין, פאר אן אויג-פארבלענדעניש, אבער באמת קען עס ברענגען אין דיין גוף א מגושם׳דיגקייט, א פארגרעבטקייט, א גאות און אן אומאיידלקייט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **אויב א מענטש וויל זיך אויספרואוון, זאל ער קוקן וויאזוי זיין פנים מאירות זעט אויס**. איז ער א פארביטערטער מענטש? לעב איך אין פארביטערטקייט? האב איך כסדר טענות אויף מיין שטוב, אויף מיינע קינדער, אויף מיינע עלטערן, אויף מיינע בני המשפחה, אויף מיינע חברים אדער אויף דער קהילה? לעב איך אין טענות, פאדערונגען און אויפרעגענישן? בין איך אזוי באזארגט אויף מיין גוף, אויף מיין אנכיות, אויף מיין כבוד, אויף מיין געלט, אויף מיין גאות, אויף מיין פרעסטיזש אדער אויף מיינע תאוות? דאס איז א סימן, חלילה וחלילה, אז מען באנוצט זיך מיט די עולם הזה׳דיגע זאכן זיך צו פארגרעבן חלילה וחלילה. **אויב א**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת עקב יב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**מענטש קען לעבן מיט פנים מאירות, פרייליך און לעכטיג; זען גוט, רעדן גוט און טראכטן גוט אין יעדע הינזיכט; אין יעדן מצב און אין יעדן מקום, אומעטום וואו, וואס, ווען, ווער און וויאזוי – בכל אופן איז אלעס טוב, אלעס איז גוט און אלעס איז פאזיטיוו.**

**און צו דעם קומט צו דער אשב"ש: ער לעבט מיט אמונה, ער לעבט מיט בטחון, ער לעבט מיט שמחה און ער לעבט מיט שלום; פרייליך, לעכטיג, גלוסטיג און גליקליך מיט אלע אידן. דעמאלטס איז עס א סימן אז מען הארעוועט. מען לייגט אריין כוחות אז די אברים – די אינעווייניגסטע אברים און די דרויסנדיגסטע אברים, די חושים, די כוחות, די טאלאנטן, די כשרונות און די חכמה בינה דעת – אלעס פון א מענטש נוצט מען צו עבודת השם און צו דביקות הבורא.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אוי ווי גליקליך איז אזוי צו לעבן! אוי ווי געשמאק און ווי זיס; א לעכטיג לעבן אן א טענה, אן אן אויפרעגעניש, אן זארגן, אן פחדים, אן לשון הרע און אן קיין רכילות. אה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף מתפלל זיין, מען דארף האפן און מען דארף בענקען צו אזא לעבן.

**די מעשה מיט דער ברענעדיגער אויוון אין בית המדרש**

מען דערציילט אויך אויף רבי הלל פאריטשער, אז איין מאל אין א קאלטן ווינטערדיגן אינדערפרי, איז דער קצב אריינגעקומען אין בית המדרש, און ער זעט ווי דער גרויסער צדיק רבי הלל פאריטשער שטייט און דאווענט מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות, ווי איינער וואס איז אינגאנצן נישט דא אויף דער וועלט.

פלוצלינג זעט ער ווי רבי הלל פאריטשער, אזוי פארדביקות'טערהייט, בייגט זיך אראפ גאר נאנט צו דעם אויוון וואס האט געברענט. דער אויוון האט געפלאקערט, און דאס אייזן ארום דעם אויוון איז געווען דורכגעגליט הייס. ער זעט ווי די האנט פון רבי הלל פאריטשער, זיין ארעם, גייט צו און רירט אן דאס ברענעדיגע הייסע אייזן פונעם אויוון. רבי הלל פאריטשער לענט זיך אזוי אן, און ער איז אזוי פארדביקות'ט און אריינגעטון אין זיין תפלה, אז ער שפירט אפילו נישט אז די האנט הייבט פשוט אן צו ברענען און די הויט איז שוין געווארן פארברענט. דער קצב איז געווארן אזוי דערשראקן, ער איז צוגעלאפן און א כאפ געטאן אוועק די האנט פון רבי הלל פונעם אויוון, און אים געשטעלט אין א צווייטן פלאץ. ווען רבי הלל האט געענדיגט דאווענען און ער האט באמערקט אז זיין האנט איז פארברענט, האט ער געפרעגט דעם קצב: "וואס איז דאס! וויאזוי איז דאס געשען?" האט אים דער קצב דערציילט אז ער האט זיך אנגעלאנט אויפן הייסן אייזן פונעם אויוון אזוי פארדביקות'טערהייט.

דער הייליגער רבי הלל פאריטשער, מיט זיין ענווה, מיט זיין שפלות הרוח און זיין איידלקייט, האט געגעבן א באטראכט די בראנד-וואונד, און ער גיט א זאג אזוי: **"עס זעט אויס אז דאס פלייש פון מיין גוף איז נאך אלץ גראב און גשמיות'דיג, ווייל ווען עס וואלט געווען גענוג איידל און אויסגעארבעט, וואלט דער גוף פון זיך אליין געשפירט אז א גליעדיגע הייסע אייזן איז א שאלה פון 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם', און דער ארעם וואלט זיך פון זיך אליין געדארפט אוועקציען פונעם פייער, כדי נישט עובר צו זיין אויף דער תורה פון 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם'."**

איר הערט וואס ר' הלל פאריטשער האט ארויסגענומען פון דעם בראנד-וואונד וואס ער האט באקומען ווען ער איז געווען פארדביקות'ט? ער האט ארויסגענומען אז זיין גוף איז נאך מגושם, ווייל זיין גוף האט צוגעלאזט אז ער זאל עובר זיין אויף "ונשמרתם מאד לנפשותיכם".

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א איד דארף הארעווען און אויסארבעטן זיין גוף, זיין נפש, זיין רוח און זיין נשמה פאר גארנישט אנדערש ווי בלויז פאר עבודת השם. א איד דארף אזויפיל הארעווען אויף "פנים מאירות", צו זיין א תורה איד און אן ערליכער איד.

מיר געבן איבער אזויפיל שיעורים אויף די תכונת הגוף, תכונת הנשמה און תכונת הנפש; אויף יעדע ענין וואס איז נאר שייך ביי א מענטש געבן מיר שיעורים. עס זענען דא אזויפיל אפטיילונגען און טויזנטער שיעורים אויף די ליניע.

דער יסוד פון אלע שיעורים איז ארייננצוברענגען א תורה'דיגקייט אין אונזער מחשבה, דיבור און מעשה; צו הייליגן אונזערע רמ"ח איברים ושס"ה גידים. אלע אונזערע אברים און גידים, אן קיין אויסנאם, און אונזער גאנצער מהלך המחשבה זאל זיין אויף א תורה'דיגן אופן, אן קיין שום חיצוניות און אן קיין שום דרויסנדיגע השפעות. גארנישט פון די גוי'אישע וועלט, גארנישט פון די משומדים'דיגע וועלט און פון די שטודירטע וועלט. ווייל דעמאלטס ווערט אונזער גוף, אונזערע אברים, און אונזער גאנצע רוחניות און גשמיות אויסגעהייליגט, אויסגעאיידלט, אויסגערייניגט און דערהויבן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

**זען די השגחה פרטית אין יעדן טריט**

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת עקב יב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## די וואונדערליכע מעשה פונעם מנהל און זיין רייכע חברותא

א מנהל פון א חסד ארגאניזאציע האט דערציילט, אז ער איז אמאל אריינגעפאלן אין א שווערן פעקל חובות פון זיבן הונדערט און פופציג טויזנט דאלאר. דאס איז גאר א גרויסער סכום פאר אן ארגאניזאציע וואס איז נישט קיין מוסד אדער א בית המדרש. ער איז ארומגעגאנגען נאך געלט און איז אנגעקומען צו איין עושר. ער האט אנגעהויבן מסביר זיין וואס די ארגאניזאציע טוט און וויפיל חסד זי באוויזט, כדי אים משכנע צו זיין ער זאל געבן א שיינע נדבה. אינמיטן רעדן צום עושר, האט ער זיך פלוצעם אפגעשטעלט און געזאגט: ״אנטשולדיגט, טייערער עושר, איך שעץ אייך זייער שטארק, אבער איך מוז יעצט מפסיק זיין, איך דארף ארויסגיין.״

דער עושר האט זיך געוואונדערט און געפרעגט: ״איך פארשטיי נישט, דו ביסט דאך געקומען נאך געלט, דו האלטסט אויף מיין צייט און דו ווילסט פועלן ביי מיר א גרויסן סכום, פארוואס האקסטו אינמיטן איבער?״ האט ער אים געענטפערט, אז מיט דרייסיג יאר צוריק האט ער זיך אונטערגענומען צו לערנען יעדן טאג מיט א געוויסן איד און אים מחזק זיין. זיי האבן אפגעשמועסט א באשטימטע צייט יעדן טאג, און ער קען דאס נישט מבטל זיין. דער איד ווארט דערויף, און שוין דרייסיג יאר וואס ער האט נישט מבטל געווען קיין איין טאג, דערפאר מוז ער זיך יעצט פארבינדן מיט יענעם איד צו לערנען מיט אים און אים מחזק זיין.

דער עושר פרעגט אים: ״אפשר מעג איך וויסן דעם נאמען פון דיין חברותא?״ היות ער איז דאך געווען א גרויסער עושר און ער האט געוואלט נושא חן זיין ביי יענעם, האט ער אים אויסגעזאגט דעם נאמען פון זיין חברותא. ווי נאר דער עושר האט געהערט דעם נאמען, איז ער אויפגעשפרונגען און געזאגט: ״איך גלייב עס נישט! דו ווייסט ווער דיין חברותא איז? ער איז דאך רייך ווי קרח; ער קען דיר באצאלן דיינע גאנצע חובות. דו לערנסט מיט אים און דו ביסט אים מחזק, דו קענסט באקומען פון אים די גאנצע סומע געלט אויפאיינמאל, אזא גרויסער עושר איז ער.״

און נאך בשעת מעשה רופט דער גרויסער עושר אן זיין חבר – וואס איז די חברותא פון דעם איד וואס גייט דא נאך געלט – און ער פרעגט אים: ״זאג נאר, מיין טייערער יאנקל,״ לאמיר אים אזוי רופן, ״דו קענסט דעם מנהל פון די חסד ארגאניזאציע?״ ענטפערט ער אים: ״אוודאי, איך קען אים זייער גוט, ער איז מיין חברותא! שוין דרייסיג יאר וואס איך לערן מיט אים יעדן טאג, ס׳גייט נישט דורך קיין איין טאג אן אים.״ פרעגט אים דער עושר, בשעת דער מנהל זיצט דארט לעבן אים: ״טאָ פארוואס העלפסטו אים נישט ארויס מיט זיינע חובות?״ רופט זיך אן דער חברותא, דער גרויסער עושר, און זאגט: ״מיין חברותא האט מיר קיינמאל נישט דערציילט אז ער האט חובות, איך האב עס קיינמאל נישט געוואוסט.״ דעמאלטס האבן זיך די צוויי עשירים צעטיילט האלב אויף האלב, און זיי האבן אים באצאלט זיינע חובות אויפן פלאץ.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט וואס דא טוט זיך: א איד האט א חברותא וועמען ער מחזק יעדן טאג. און וועמען טוט ער מחזק זיין? א גרויסן עושר, און ער ווייסט אפילו גארנישט דערפון. דער עושר ווייסט נישט אז זיין חברותא איז א נצרך. עס האט זיך אויסגעשטעלט אז מ׳דארף אנקומען צו א דריטן מענטש, ביי וועמען מ׳האט געדארפט ווארטן – ווער ווייסט ווי לאנג ער האט געווארט צו באקומען א צייט ער זאל קענען אריינגיין צו דעם גרויסן עושר און ער זאל אים אויפנעמען – און דארטן ווערט ער געוואויר אז ער לערנט יעדן טאג מיט דעם גרויסן עושר, און צווישן זיי צוויי איז דער חוב שוין אויסגעצאלט געווארן.

## דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט א חשבון

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר זעט נישט דעם יד השם? דער אייבערשטער האט נישט געוואלט ער זאל וויסן דערפון, דער אייבערשטער האט עס פון אים באהאלטן. דער אייבערשטער האט נישט געוואלט זיי זאלן וויסן איינער פונעם צווייטן. דער אייבערשטער האט געוואלט מזכה זיין אז דער איד זאל ארומפארן נאך געלט און ער זאל צוקומען צו יענעם עושר.

און יענער עושר זאל האבן א זכות צו געבן געלט, און ער זאל האבן דעם זכות מגלה צו זיין אז די חברותא איז א גאר גוטע חברותא; ווייל איינער איז עוסק אין טון חסד פאר אידן און דער צווייטער האט געלט, און מ׳קען זיי מאכן פאר א גוטע שותפות, ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געוואלט. דאס איז שוין געווען אנגעשריבן אזוי משתת ימי בראשית. וואס מיר זעען דא איז, אז דער אייבערשטער פירט זיין וועלט. מיר האבן נישט וואס ארייינצורעדן און מיר האבן נישט וואס צו קרעכצן, אלעס שטימט. נישט שטענדיג האבן מיר דעם זכות צו פארציילן א מעשה און זען דעם סוף, אבער אלעס קלאפט. איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? לעבט מיט אמונה, לעבט מיט גלייבן.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת עקב יב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**די מעשה פונעם בחור און די געזאלצענע קאווע: מדה כנגד מדה**

פארציילט א בחור איינמאל ביי מלוה מלכה אין ישיבה, , ער איז געגאנגען מאכן א קאווע. צוויי חברים וואס זענען דארט געזעסן און פארברענגט, האבן אים געפרעגט צי ער קען זיי אויך מאכן א קאווע. ער האט געזאגט יא, אבער דער יצר הרע האט זיך ארייגעכאפט ביי אים; ער האט געוואלט מאכן ליצנות און טשעפענען די צוויי בחורים, האט ער אנשטאט ארייגלייגן צוקער, ארייגעלייגט זאלץ. שוין, ער לייגט אראפ די קאוועס פאר זיין צוויי חברים, און זיי נעמען א גרויסן טרינק. תיכף האבן זיי עס אויסגעשפיגן, און ער האט הנאה געהאט און זיך אונטערגעלאכט; ווי מ'זאגט, די ליצנות איז געלונגען.

ער האט געהאט א מנהג אז נאך שחרית אין די ישיבה פלעגט ער לערנען א האלבע שעה, און ערשט נאכדעם פלעגט ער עסן פרישטאג. ס'איז אויסגעקומען אז ער פלעגט אראפקומען אין חדר אוכל ווען דער רוב עולם האט שוין געהאט געענדיגט פרישטאג. זונטאג צופרי — נאכדעם וואס ער האט נעכטן ביי מלוה מלכה ארייגעלייגט זאלץ אין צוויי קאוועס — האט ער געדאוונט שחרית. סוף שחרית האט ער געוואלט בלייבן לערנען די האלבע שעה וואס ער האט מקבל געווען אויף זיך, אבער ער האט געשפירט א געוואלדיגן דורשט; ער האט געפילט אז ער מוז עפעס טרינקען, ווייל ס'איז אים אוממעגליך אזוי צו לערנען.

איז ער ארייגעגאנגען אין חדר אוכל נעמען א קאווע, זיך צוגרייטנדיג א כוס כדי צו קענען לערנען ווייטער די האלבע שעה. אבער דאס מאל איז אויסגעקומען אז ער איז געווען דער ערשטער אריין אין חדר אוכל, און קיינער איז נאך נישט דארט געווען. געוויינליך פלעגט ער זיין דער לעצטער, אבער יעצט איז ער געווען דער ערשטער. ער מאכט זיך די קאווע, ער גיט איין טרינק, און ס'איז געווען געזאלצן! ער האט זיך געמוזט נעמען שפייען, ער האט ממש געשפירט ווי ער גייט ברעכן, און ער האט געדארפט אויסשווענקען דאס מויל. וואס איז געשען? דער וואס האט צוגעגרייט די קאווע האט זיך טועה געווען, און דארט וואו מען לייגט געוויינליך צוקער, האט ער בטעות ארייגעלייגט זאלץ.

דער בחור דערציילט אזוי: דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער איז אנגעקומען אין חדר אוכל אלס דער ערשטער, ווייל געוויינליך פלעגט ער אריינקומען די לעצטע. דער ממונה אויף די קאווע האט מסתמא אויך נישט יעדן טאג געמאכט אזא טעות ארייצולייגן זאלץ אנשטאט צוקער, דער אייבערשטער האט אים געמאכט דארשטיג. עס האבן זיך דא צוזאמגעשטעלט דריי זאכן אויפאיינמאל: ווען ער קומט ווען אריין ווי געוויינליך אלס די לעצטע אין חדר אוכל, וואלטן שוין די פריערדיגע בחורים געשפירט אז מען האט ארייגעלייגט זאלץ און מען וואלט עס שוין אויסגעטוישט אויף צוקער. האט אבער דער אייבערשטער געמאכט אז ער זאל ווערן דארשטיג, ער זאל זיין דער ערשטער, און דער ממונה זאל זיך טועה זיין, כדי ער זאל תיכף שפירן דעם טעם פון דעם וואס ער האט אפגעטון פאר זיינע חברים א נאכט פריער. ער האט זיי טאקע תיכף איבערגעבעטן, און זיי האבן אים מוחל געווען.

זאגט דער בחור: דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, ער האט געהאט א געוואלדיגע זכיה אז עס איז געווען מדה כנגד מדה תיכף ומיד. ער האט גראד געכאפט וואס דער אייבערשטער וויל פון אים און ער האט גראד איבערגעבעטן.

אבער דער מוסר השכל דערפון איז זייער גרויס. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נישט שטענדיג מאכט עס דער אייבערשטער אזוי אויפן פלאץ, און נישט שטענדיג האט מען די חכמה, בינה און דעת אדער די התגלות צו וויסן פונקטליך וואס דער אייבערשטער וויל. **אבער א איד דארף גלייבן אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט. ער איז נישט געווארן ברוגז אויף דעם ממונה וואס האט ארייגעלייגט די זאלץ, ער איז נישט געלאפן צו קיין דאקטוירים זיך אפצורעדן: "אוי, פארוואס איז דא געווארן אזא דארשט?" ער האט נישט געזאגט אז ער וואלט געקענט לערנען נאך א האלבע שעה פאר'ן טרינקען; ער האט גראד פארשטאנען דעם יד השם.**

**צום שלוס: גלייבן אינעם יד השם און איבערבעטן יעדן איד**

הייליגע לעכטיגע קינדער, מיר האבן שטענדיג דעם יד השם, מיר האבן דאך נאר דעם יד השם. מיר דארפן דאס גלייבן און בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן די זכיה צו גלייבן און צו בלייבן פרייליך. דער אייבערשטער זאל אונז עפענען די אויגן מיר זאלן וויסן וועלכע תיקונים מיר דארפן מאכן און אויף וואס מיר קומען אפ, כדי מיר זאלן קענען תשובה טאן און יעדעם איבערבעטן.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייט מוחל יעדן איינעם, בעט זיך איבער מיט יעדן איינעם, זייט סובל יעדן איינעם, און גלייבט אינעם אייבערשטן אז אלעס איז השגחה פרטית,** אויסגערעכנט און אויסגעחשבו'נט לטובתך, לטובת העולם, פאר די טובה פון דיינע דורות און פאר די טובה פון כלל ישראל. פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת עקב יב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

# כיבוד אב ואם

**דער טיפער קשר צווישן כיבוד אב ואם און די אויגן**

בסייעתא דשמיא, דער עלפטער שיעור: כיבוד אב ואם צען מינוט.

עס איז ידוע אז די רמ"ח אברים - די צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים פון א מענטש - זענען כנגד די רמ"ח מצוות עשה. עס שטייט אין זוהר הקדוש, און די מקובלים ברענגען עס אראפ, אז די **מצוה פון כיבוד אב ואם איז כנגד די אויגן**. ווען איינער איז מזלזל אין כיבוד אב ואם, פוגם ער אין די אויגן; אבער ווען א מענטש היט אפ געהעריג כיבוד אב ואם, קען ער אפהיטן זיינע אויגן.

אין ספר חרדים (מצוות עשה התלויות בלב, סימן ל"ה) ברענגט ער א מעשה וועגן איינעם וואס האט געשפייזט זיין מאמע, אבער ער האט איר זייער אוועקגעמאכט און זי איז ביי אים געווען זייער ביליג, צוליב דעם וואס זי האט חתונה געהאט צו א צווייטן מאן נאכדעם וואס זיין טאטע איז אוועק. דער אויבערשטער זאל אפהיטן, איין מאל ווען ער איז געווען אויפ'ן וואסער, איז ער נעבעך דארט נישט געבליבן לעבן און ער איז אריינגעפאלן אין וואסער. מען האט אים געזוכט און מען האט אים געטראפן ביי די ברעגן פון ים, און איין אויג איז געווען דורכגעשטאכן ווייל די רויב-פויגל האבן עס אויסגעפיקט, רחמנא ליצלן, קיינער זאל נישט וויסן.

**די אויגן פון עשו און די צורה פון יעקב אבינו**

דאס האט א שטארקן מקור. די גמרא ברענגט אין מסכת סוטה (דף י"ג) אז חושים בן דן איז געווען דארט ביי די קבורה פון יעקב אבינו. ער האט נישט גוט געהערט, און ער האט געפרעגט: "פארוואס באגראבט מען נישט יעקב? וואס האט זיך אלעס אפגעשטעלט?" האבן זיי אים געזאגט אז מען האט געשיקט נפתלי קיין מצרים ווייל עשו האלט אפ די קבורה; ער וויל זען דעם שטר וואס ער האט אפגעשמועסט מיט יעקב אבינו. נפתלי איז געלאפן קיין מצרים צו ברענגען דעם שטר, און ביז נפתלי קומט צוריק קען מען נישט באגראבן יעקב אבינו. האט זיך חושים אנגערופן: "און ביז נפתלי וועט צוריקקומען, זאל דער זיידע ליגן דא אין בזיון?" איז ער געגאנגען און געגעבן א האק פאר עשו אין קאפ, און עשו'ס צוויי אויגן זענען ארויסגעפאלן און געלאנדעט אויף די פיס פון יעקב אבינו. יעקב אבינו האט געעפנט די אויגן און זיך צולאכט, אויף וואס דער פסוק זאגט: "יִשְׂמַח צַדִּיק כִּי חָזָה נָקָם פְּעָמָיו יִרְחַץ בְּדַם הָרָשָׁע".

דארף מען פארשטיין: וואס עפעס האבן זיך פונקט די אויגן פון עשו צוזאמגעשטעלט מיט יעקב אבינו און זענען געראטעוועט געווארן צו ווערן באגראבן צוזאמען מיט אים? וואס איז דער פשט פונקט אין די אויגן?

אין משלי קאפיטל ל' פסוק י"ז שטייט: "עין תלעג לאב ותבוז ליקהת אם יקרוה ערבי נחל ויאכלוה בני נשר". דער פשט פון דעם פסוק איז, אז די אויגן פון קינדער וואס לאכן אפ פון זייערע עלטערן ווען זיי ווערן שוין עלטער און אפגעשוואכט, אדער וואס פארשעמען די קנייטשן פון די מאמע – דאס מיינט אז זיי מאכן אוועק די עלטערן אין זייער עלטער – וועלן די ראבפויגלען, די עורבי נחל, אויסשטעכן זייערע אויגן, און די בני נשר, די יונגע אדלערס, וועלן אויפעסן זייערע אויגן.

האבן מיר דא א מפורש'נעם פסוק וואו שלמה המלך זאגט אז די אויגן האבן א שייכות מיט כיבוד אב ואם.

עס איז דא א מפורש'דיגער ירושלמי אין מסכת פאה; דער ירושלמי אין פאה זאגט קלאר אז דער פסוק גייט ארויף אויף כיבוד אב ואם. יעצט קומט דאך אויס א געוואלדיגע זאך: סיי דער עונש אויף כיבוד אב ואם און סיי דער שכר אויף כיבוד אב ואם האבן א שייכות מיט די אויגן. און אין דעם ווערט אריינגערעכנט סיי די גשמיות'דיגע אויגן און סיי די רוחניות'דיגע אויגן.

עשו האט מקיים געווען כיבוד אב ואם, דעריבער זענען זיינע אויגן אפגעשוינט געווארן און זענען מיטגעגאנגען אין קבר מיט יעקב אבינו.

יוסף הצדיק האט אויך מקיים געווען כיבוד אב ואם. יוסף הצדיק איז אנגעקומען צו די שבטים, וואו עס האט זיך אויסגעלאזט אז מען האט אים פארקויפט, ווייל ער איז געגאנגען צו זיינע ברידער טראץ דעם וואס ער האט געוואוסט וואס פאר א סכנה דאס איז פאר אים. ער האט געוואוסט ווי שטארק זיי האבן אים פיינט, אבער ער האט געמוזט גיין כדי מקיים צו זיין כיבוד אב ואם. וואס איז געשען? שפעטער אין מצרים, ווען ער האט געהאט דעם נסיון מיט אשת פוטיפר, זאגט די גמרא אין סוטה (ל"ו), אז עס האט זיך אים אנטפלעקט די צורה פון זיין פאטער יעקב אבינו. דורך דעם האט ער אנגעהויבן טראכטן: "וואס! איך בין א זון פון יעקב אבינו, פון די קינדער פון די אבות הקדושים!" ער האט נישט געוואלט פוגם זיין אין דעם יחוס, ער האט נישט געקענט טון אזא גרויסע עבירה, ווייל ער האט חס ושלום

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת עקב יב מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

נישט געוואלט איבעררייסן די גאלדענע שלשלת.

קומט אויס, אז די מצוה פון כיבוד אב האט גורם געווען מען זאל אים פארקויפן, און די מצוה פון כיבוד אב ואם האט אים למעשה גערּאטעוועט. ווי דער מדרש זאגט, אז ער האט זיך געהיטן די אויגן, האט ער געהאט די כוחות זיך צו היטן, און דורך די אויגן איז אים אנטקעגנגעקומען די צורה פון זיין טאטן. ״בן פורת יוסף״, יוסף הצדיק האט געהאט א ספעציעלן חן; פון וואו האט ער זוכה געווען צו דעם חן? ״עלי עין״, דורך די מצוה פון כיבוד אב ואם וואס איז מרמז אויף די אויגן. דורך דעם האט ער געקענט עומד זיין בנסיון און היטן די אויגן, און דורך דעם האט ער זוכה געווען צו זען זיין טאטן, וואס דאס האט אים געראטעוועט פון ווערן אפגעהאקט פון די שלשלת הקדושה.

פארדעם איז ער געווארן אנגערופן יוסף הצדיק, ״יוסף הוא השליט״, ״יוסף הוא המשביר״, יסוד יוסף. דאס ברענגט געוואלדיגע קדושה, טהרה און השפעות אויף די וועלט וואס דערמאנען אונז שטענדיג פון יוסף הצדיק. דאס אלעס האט צו טון מיט די אויגן, און די אויגן האבן צו טון מיט כיבוד אב ואם – אלעס ווערט געבויט אויף כיבוד אב ואם.

## די מלחמה פונעם שטן קעגן כיבוד אב ואם אין אונזערע צייטן

דער שמלויער רב ברענגט ארויס: פארוואס לייגט זיך דער שטן אזוי שטארק אריין מכשיל צו זיין אידישע קינדער און שווער צו מאכן די מצוה פון כיבוד אב ואם? ווייל וואס איז דען געווען עשיו׳ס מצוה? כיבוד אב ואם. **אויב מיר וועלן באמת מקיים זיין די שטארקע מצוה פון כיבוד אב ואם, וועט עס גורם זיין די מפלה פאר עשיו און עס וועט ברענגען די גאולה שלימה.** דערפאר פארלייגט זיך דער יצר הרע אזוי שטארק אויף כיבוד אב ואם.

יעצט, אז מען טראכט אריין, זענען די נסיונות פון כיבוד אב ואם אין אונזער צייט למעלה מן המשוער; עס לאזט זיך נישט גלייבן וואס עס גייט פאר. אויך די נסיונות פון שמירת עינים זענען ״לא יאומן כי יסופר״. אין איינע פון די ספרים וואס מען האט געשריבן צום שמלויער רב ווערט געברענגט אז דער פסוק ״אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ״ (מיט׳ן כולל) איז בגימטריא ״כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן״. דורך כיבוד אב ואם וועט מען זוכה זיין צו זען עין בעין בשוב ה׳ ציון און זוכה זיין צו די גאולה שלימה. נאך מער פון דעם, אז מען איז מקיים די מצוה פון כיבוד אב ואם, וועט מען זוכה זיין צו זען די ישועת השם און זען ״בשוב ה׳ את שבות ציון״; מען וועט זוכה זיין צו א ריינע ראיית עינים.

## כיבוד אב ואם אלס א שמירה אויף ריינע אויגן און א שליסל פאר די גאולה

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די מכשולות און די נסיונות אויף שמירת עינים, און די מכשולות און נסיונות אויף כיבוד אב ואם, זענען היינט ביידע אויף דעם זעלבן שטאפל. מען דארף ארבעטן אויף ביידע אויפאיינמאל, ווייל דאס איז דער כח פון עשו. עשו האט געראטעוועט זיינע אויגן דורך כיבוד אב ואם, און כדי מיר זאלן מקרב זיין די גאולה, דארפן מיר זיך שטארקן אין ביידע. מיר דארפן היטן אויף כיבוד אב ואם, וואס דאס וועט אונז העלפן מיט שמירת עינים. עס איז נישט אז שמירת עינים ברענגט כיבוד אב ואם, נאר כיבוד אב ואם ברענגט שמירת עינים, ווייל דאס רוחניות העלפט פארן גשמיות, פארן גשמיות׳דיגן גוף.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וויפיל מוטשעט מען זיך היינט מיט שמירת עינים! וויפיל אונזערע קינדער און דער יונגווארג מוטשענען זיך מיט שמירת עינים! דאס נישט היטן די אויגן האט שוין ליידער חרוב געלייגט אזוי פיל ביים כלל ישראל.

לאמיר אלע מקבל זיין, יעדער איד פאר זיך, און עס איבערגעבן פאר אונזערע קינדער, פאר אונזערע גוטע פריינט און פאר וועמען מען קען, מוסיף צו זיין וואס מער כוחות און זיך אריינלייגן אין כיבוד אב ואם. דורך דעם וועלן מיר ראטעווען די אויגעלעך פון אונזערע דורות, און מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה און צו ״עין בעין יראו בשוב ה׳ ציון״, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**